# קְדוֹשִׁים

יט

א ב וַיְדַבֵּר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה לֵּאמֹר׃ דַּבֵּר אֶל־כָּל־עֲדַת בְּנֵי־
יִשְׂרָאֵל וְאָמַרְתָּ אֲלֵהֶם קְדֹשִׁים תִּהְיוּ כִּי קָדוֹשׁ אֲנִי יְהוָה
ג אֱלֹהֵיכֶם׃ אִישׁ אִמּוֹ וְאָבִיו תִּירָאוּ וְאֶת־שַׁבְּתֹתַי תִּשְׁמֹרוּ
ד אֲנִי יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם׃ אַל־תִּפְנוּ אֶל־הָאֱלִילִם וֵאלֹהֵי מַסֵּכָה
ה לֹא תַעֲשׂוּ לָכֶם אֲנִי יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם׃ וְכִי תִזְבְּחוּ זֶבַח
ו שְׁלָמִים לַיהוָה לִרְצֹנְכֶם תִּזְבָּחֻהוּ׃ בְּיוֹם זִבְחֲכֶם יֵאָכֵל
ז וּמִמָּחֳרָת וְהַנּוֹתָר עַד־יוֹם הַשְּׁלִישִׁי בָּאֵשׁ יִשָּׂרֵף׃ וְאִם
ח הֵאָכֹל יֵאָכֵל בַּיּוֹם הַשְּׁלִישִׁי פִּגּוּל הוּא לֹא יֵרָצֶה׃ וְאֹכְלָיו
עֲוֺנוֹ יִשָּׂא כִּי־אֶת־קֹדֶשׁ יְהוָה חִלֵּל וְנִכְרְתָה הַנֶּפֶשׁ הַהִוא
ט מֵעַמֶּיהָ׃ וּבְקֻצְרְכֶם אֶת־קְצִיר אַרְצְכֶם לֹא תְכַלֶּה פְּאַת
י שָׂדְךָ לִקְצֹר וְלֶקֶט קְצִירְךָ לֹא תְלַקֵּט׃ וְכַרְמְךָ לֹא תְעוֹלֵל
וּפֶרֶט כַּרְמְךָ לֹא תְלַקֵּט לֶעָנִי וְלַגֵּר תַּעֲזֹב אֹתָם אֲנִי יְהוָה
יא אֱלֹהֵיכֶם׃ לֹא תִּגְנֹבוּ וְלֹא־תְכַחֲשׁוּ וְלֹא־תְשַׁקְּרוּ אִישׁ
יב בַּעֲמִיתוֹ׃ וְלֹא־תִשָּׁבְעוּ בִשְׁמִי לַשָּׁקֶר וְחִלַּלְתָּ אֶת־שֵׁם
יג אֱלֹהֶיךָ אֲנִי יְהוָה׃ לֹא־תַעֲשֹׁק אֶת־רֵעֲךָ וְלֹא תִגְזֹל לֹא־
יד תָלִין פְּעֻלַּת שָׂכִיר אִתְּךָ עַד־בֹּקֶר׃ לֹא־תְקַלֵּל חֵרֵשׁ וְלִפְנֵי
שני (חמ׳) עִוֵּר לֹא תִתֵּן מִכְשֹׁל וְיָרֵאתָ מֵּאֱלֹהֶיךָ אֲנִי יְהוָה׃ לֹא־תַעֲשׂוּ
עָוֶל בַּמִּשְׁפָּט לֹא־תִשָּׂא פְנֵי־דָל וְלֹא תֶהְדַּר פְּנֵי גָדוֹל
טז בְּצֶדֶק תִּשְׁפֹּט עֲמִיתֶךָ׃ לֹא־תֵלֵךְ רָכִיל בְּעַמֶּיךָ לֹא תַעֲמֹד
יז עַל־דַּם רֵעֶךָ אֲנִי יְהוָה׃ לֹא־תִשְׂנָא אֶת־אָחִיךָ בִּלְבָבֶךָ
יח הוֹכֵחַ תּוֹכִיחַ אֶת־עֲמִיתֶךָ וְלֹא־תִשָּׂא עָלָיו חֵטְא׃ לֹא־
תִקֹּם וְלֹא־תִטֹּר אֶת־בְּנֵי עַמֶּךָ וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ אֲנִי
יט יְהוָה׃ אֶת־חֻקֹּתַי תִּשְׁמֹרוּ בְּהֶמְתְּךָ לֹא־תַרְבִּיעַ כִּלְאַיִם
שָׂדְךָ לֹא־תִזְרַע כִּלְאָיִם וּבֶגֶד כִּלְאַיִם שַׁעַטְנֵז לֹא יַעֲלֶה
כ עָלֶיךָ׃ וְאִישׁ כִּי־יִשְׁכַּב אֶת־אִשָּׁה שִׁכְבַת־זֶרַע וְהִוא שִׁפְחָה
נֶחֱרֶפֶת לְאִישׁ וְהָפְדֵּה לֹא נִפְדָּתָה אוֹ חֻפְשָׁה לֹא נִתַּן־

יט 1 און גאָט האָט גערעדט צו משהן, אַזוי צו זאָגן: 2 רעד צו דער גאַנצער עדה פון די קינדער פון ישראל, און זאָלסט זאָגן צו זיי:

הייליק זאָלט איר זיין, וואָרום איך יהוה אייער גאָט בין הייליק. 3 איר זאָלט איטלעכער האָבן אָפּשיי פאַר זיין מוטער און זיין פאָטער, און מיינע שבתים זאָלט איר היטן: איך בין יהוה אייער גאָט.

4 איר זאָלט אייך ניט קערן צו די געצן, און געגאָסענע געטער זאָלט איר אייך ניט מאַכן: איך בין יהוה אייער גאָט.

5 און אַז איר וועט שלאַכטן אַ פרידאָפּפער צו גאָט, זאָלט איר עס שלאַכטן אַז איר זאָלט באַוויליקט ווערן. 6 אין דעם טאָג פון אייער שלאַכטונג זאָל עס געגעסן ווערן, און אויף מאָרגן; און וואָס בלייבט איבער ביז אויפן דריטן טאָג, זאָל אין פייער פאַרברענט ווערן. 7 און אויב געגעסן וועט עס געגעסן ווערן אויפן דריטן טאָג, איז דאָס אַן אומווערדיקייט; עס וועט ניט באַוויליקט ווערן. 8 און דער וואָס עסט דאָס, וועט טראָגן זיין זינד, וואָרום אַ הייליקייט פון גאָט האָט ער פאַרשוועכט; און יענע זעל זאָל פאַרשניטן ווערן פון איר פאָלק.

9 און אַז איר שניידט דעם שניט פון אייער לאַנד, זאָלסטו ניט דערענדיקן שניידן דעם עק פון דיין פעלד, און דעם נאָכקלייב פון דיין שניט זאָלסטו ניט נאָכקלייבן. 10 און דיין ווייַנגאָרטן זאָלסטו ניט אַרומקלייבן ריין, און דאָס אַראָפּגעפאַלענע פון דיין ווייַנגאָרטן זאָלסטו ניט אויפקלייבן; פאַרן אָרימאַן און פאַרן פרעמדן זאָלסטו זיי איבערלאָזן: איך בין יהוה אייער גאָט.

11 איר זאָלט ניט גנבען, און איר זאָלט ניט פאַרלייקענען, און איר זאָלט ניט זאָגן ליגן איינער דעם אַנדערן. 12 און איר זאָלט ניט שווערן ביי מיין נאָמען צום פאַלשן, און פאַרשוועכן דעם נאָמען פון דיין גאָט: איך בין יהוה.

13 זאָלסט ניט דריקן דיין חבר, און ניט באַגזלען. זאָלסט ניט לאָזן איבערנעכטיקן דעם לוין פון אַ געדונגענעם ביי דיר ביז אין דער פרי. 14 זאָלסט ניט שילטן אַ טויבן, און פאַר אַ בלינדן זאָלסטו ניט לייגן אַ שטרויכלונג; און זאָלסט מורא האָבן פאַר דיין גאָט: איך בין יהוה.

15 איר זאָלט ניט טאָן אַן עוולה אין אַ משפט; זאָלסט ניט שוינען דעם פנים פון אַן אָרימאַן, און ניט שאַנעווען דעם פנים פון אַ גרויסן מאַן; מיט גערעכטיקייט זאָלסטו משפטן דיין חבר. 16 זאָלסט ניט אַרומגיין מיט רכילות צווישן דיין פאָלק; זאָלסט ניט שטיין רואיק ביי דעם בלוט פון דיין חבר: איך בין יהוה.

17 זאָלסט ניט פיינט האָבן דיין ברודער אין דיין האַרצן; אויסרעדן זאָלסטו אויסרעדן דיין חבר, כדי זאָלסט ניט טראָגן איבער אים אַ זינד. 18 זאָלסט זיך ניט נוקם זיין, און ניט האַלטן אַ שנאה אויף די קינדער פון דיין פאָלק; נייערט זאָלסט ליב האָבן דיין חבר אַזוי ווי זיך אַליין: איך בין יהוה.

19 מיינע געזעצן זאָלט איר היטן. דיין בהמה זאָלסטו ניט פאָרן געמישט; דיין פעלד זאָלסטו ניט פאַרזייען געמישט; און אַ בגד פון געמישטן געוואַנט, שעטנז, זאָל ניט אַרויפקומען אויף דיר.

20 און אַז אַ מאַן וועט ליגן מיט אַ פרוי אַ ביישלאָף פון זאָמען, און זי איז אַ דינסט וואָס איז באַשטימט פאַר אַ מאַן, אָבער אויסגעלייזט איז זי ניט אויסגעלייזט געוואָרן, און פרייַשאַפט איז איר ניט געגעבן געוואָרן,

לָהּ בִּקֹּרֶת תִּהְיֶה לֹא יוּמְתוּ כִּי־לֹא חֻפָּשָׁה׃ וְהֵבִיא אֶת־ כא
אֲשָׁמוֹ לַיהוָה אֶל־פֶּתַח אֹהֶל מוֹעֵד אֵיל אָשָׁם׃ וְכִפֶּר כב
עָלָיו הַכֹּהֵן בְּאֵיל הָאָשָׁם לִפְנֵי יְהוָה עַל־חַטָּאתוֹ אֲשֶׁר
חָטָא וְנִסְלַח לוֹ מֵחַטָּאתוֹ אֲשֶׁר חָטָא׃ פ
וְכִי־תָבֹאוּ אֶל־הָאָרֶץ וּנְטַעְתֶּם כָּל־עֵץ מַאֲכָל וַעֲרַלְתֶּם של'
עָרְלָתוֹ אֶת־פִּרְיוֹ שָׁלֹשׁ שָׁנִים יִהְיֶה לָכֶם עֲרֵלִים לֹא יֵאָכֵל׃
וּבַשָּׁנָה הָרְבִיעִת יִהְיֶה כָּל־פִּרְיוֹ קֹדֶשׁ הִלּוּלִים לַיהוָה׃ כד
וּבַשָּׁנָה הַחֲמִישִׁת תֹּאכְלוּ אֶת־פִּרְיוֹ לְהוֹסִיף לָכֶם תְּבוּאָתוֹ כה
אֲנִי יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם׃ לֹא תֹאכְלוּ עַל־הַדָּם לֹא תְנַחֲשׁוּ כו
וְלֹא תְעוֹנֵנוּ׃ לֹא תַקִּפוּ פְּאַת רֹאשְׁכֶם וְלֹא תַשְׁחִית אֵת כז
פְּאַת זְקָנֶךָ׃ וְשֶׂרֶט לָנֶפֶשׁ לֹא תִתְּנוּ בִּבְשַׂרְכֶם וּכְתֹבֶת כח
קַעֲקַע לֹא תִתְּנוּ בָּכֶם אֲנִי יְהוָה׃ אַל־תְּחַלֵּל אֶת־בִּתְּךָ כט
לְהַזְנוֹתָהּ וְלֹא־תִזְנֶה הָאָרֶץ וּמָלְאָה הָאָרֶץ זִמָּה׃ אֶת־ ל
שַׁבְּתֹתַי תִּשְׁמֹרוּ וּמִקְדָּשִׁי תִּירָאוּ אֲנִי יְהוָה׃ אַל־תִּפְנוּ לא
אֶל־הָאֹבֹת וְאֶל־הַיִּדְּעֹנִים אַל־תְּבַקְשׁוּ לְטָמְאָה בָהֶם אֲנִי
יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם׃ מִפְּנֵי שֵׂיבָה תָּקוּם וְהָדַרְתָּ פְּנֵי זָקֵן וְיָרֵאתָ לב
מֵּאֱלֹהֶיךָ אֲנִי יְהוָה׃ ס וְכִי־יָגוּר אִתְּךָ גֵּר בְּאַרְצְכֶם לֹא רב' (ששי)
תוֹנוּ אֹתוֹ׃ כְּאֶזְרָח מִכֶּם יִהְיֶה לָכֶם הַגֵּר הַגָּר אִתְּכֶם לד
וְאָהַבְתָּ לוֹ כָּמוֹךָ כִּי־גֵרִים הֱיִיתֶם בְּאֶרֶץ מִצְרָיִם אֲנִי יְהוָה
אֱלֹהֵיכֶם׃ לֹא־תַעֲשׂוּ עָוֶל בַּמִּשְׁפָּט בַּמִּדָּה בַּמִּשְׁקָל לה
וּבַמְּשׂוּרָה׃ מֹאזְנֵי צֶדֶק אַבְנֵי־צֶדֶק אֵיפַת צֶדֶק וְהִין צֶדֶק לו
יִהְיֶה לָכֶם אֲנִי יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם אֲשֶׁר־הוֹצֵאתִי אֶתְכֶם מֵאֶרֶץ
מִצְרָיִם׃ וּשְׁמַרְתֶּם אֶת־כָּל־חֻקֹּתַי וְאֶת־כָּל־מִשְׁפָּטַי לז
וַעֲשִׂיתֶם אֹתָם אֲנִי יְהוָה׃ פ

## כ

וַיְדַבֵּר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה לֵּאמֹר׃ וְאֶל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל תֹּאמַר חמ' ב
אִישׁ אִישׁ מִבְּנֵי יִשְׂרָאֵל וּמִן־הַגֵּר ׀ הַגָּר בְּיִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר
יִתֵּן מִזַּרְעוֹ לַמֹּלֶךְ מוֹת יוּמָת עַם הָאָרֶץ יִרְגְּמֻהוּ בָאָבֶן׃

זאָל זיין אַן אויספאָרשונג; זיי זאָלן ניט געטייט ווערן, וואָרום זי איז ניט באַפרייט געוואָרן. [21] און ער זאָל ברענגען זיין שולדאָפּפער צו גאָט, צום אַיינגאַנג פון אוהל־מועד; אַ ווידער פאַר אַ שולדאָפּפער. [22] און דער כהן זאָל מכפר זיין אויף אים מיט דעם ווידער פון שולד־אָפּפער פאַר גאָט, וועגן זיין זינד וואָס ער האָט געזינדיקט; און אים וועט פאַרגעבן ווערן פאַר זיין זינד וואָס ער האָט געזינדיקט.

[23] און אַז איר וועט קומען אין דעם לאַנד, און וועט פלאַנצן אַלערליי עסביימער, זאָלט איר לאָזן זייער פרוכט אומבאַשניטן; דריי יאָר זאָל עס אַייך זיין אומ־באַשניטן, עס זאָל ניט געגעסן ווערן. [24] און אויפן פירטן יאָר זאָל זייער גאַנצע פרוכט זיין הייליק פאַר אַ לויב־געבונג צו גאָט. [25] און אויפן פינפטן יאָר מעגט איר עסן זייער פרוכט, כדי אַייך זאָל צוקומען זייער אַיינטראָג: איך בין יהוה אַייער גאָט.

[26] איר זאָלט ניט עסן מיטן בלוט.

איר זאָלט ניט צויבערן און ניט וואָרזאָגן.

[27] איר זאָלט ניט אָפשניידן רונד די ברעגן פון אַייער קאָפּ; און זאָלסט ניט פאַרדאַרבן די ברעגן פון דיין באָרד.

[28] און אַ שניט נאָך אַ טויטן זאָלט איר ניט מאַכן אויף אַייער לייב, און אַן אויסגעשטאָכן געשריפטס זאָלט איר אויף זיך ניט מאַכן: איך בין יהוה.

[29] זאָלסט ניט פאַרשוועכן דיין טאָכטער זי צו מאַכן פאַר אַ זונה, כדי דאָס לאַנד זאָל ניט אויסגעלאַסן ווערן, און דאָס לאַנד וועט פול ווערן מיט שענדלעכקייט.

[30] מיינע שבתים זאָלט איר היטן, און פאַר מיין הייליקטום זאָלט איר האָבן אָפּשיי: איך בין יהוה.

[31] איר זאָלט אַייך ניט קערן צו גייסטער, און ביי רוחות זאָלט איר ניט פרעגן, זיך צו פאַראומרייניקן מיט זיי: איך בין יהוה אַייער גאָט.

[32] פאַר אַ גרייז זאָלסטו אויפשטיין, און זאָלסט שאַנעווען דעם פנים פון אַ זקן, און מורא האָבן פאַר דיין גאָט: איך בין יהוה.

[33] און אַז ביי דיר וועט זיך אויפהאַלטן אַ פרעמדער אין אַייער לאַנד. זאָלסטו אים ניט קריוודען. [34] אַזוי ווי אַן אַיינגעבאָרענער פון אַייך זאָל אַייך זיין דער פרעמדער וואָס האַלט זיך אויף ביי אַייך; און זאָלסט אים ליב האָבן אַזוי ווי זיך אַליין; וואָרום פרעמדע זייט איר געווען אין לאַנד מִצרַיִם: איך בין יהוה אַייער גאָט.

[35] איר זאָלט ניט טאָן אַן עוולה אין אַ משפט, אין מעסטשטאָק, אין וואָג, אָדער אין מאָס. [36] אַ ריכטיקע וואָג־שאָל, ריכטיקע וואָגשטיינער, אַ ריכטיקע אֵיפָה, און אַ ריכטיקער הין, זאָל ביי אַייך זיין: איך בין יהוה אַייער גאָט, וואָס האָב אַייך אַרויסגעצויגן פון לאַנד מִצרַיִם. [37] און איר זאָלט היטן אַלע מיינע חוקים, און אַלע מיינע געזעצן, און זיי טאָן: איך בין יהוה.

כ [1] און גאָט האָט גערעדט צו משהן, אַזוי צו זאָגן: [2] אויך זאָלסטו זאָגן צו די קינדער פון ישראל: יעטוועדער מאַן פון די קינדער פון ישראל, אָדער פון דעם פרעמדן וואָס האַלט זיך אויף אין ישראל, וואָס וועט געבן פון זיינע קינדער צו מולֶך, זאָל טייטן געטייט ווערן; דאָס פאָלק פון לאַנד זאָל אים פאַרוואַרפן מיט שטיינער.

ג וַאֲנִי אֶתֵּן אֶת־פָּנַי בָּאִישׁ הַהוּא וְהִכְרַתִּי אֹתוֹ מִקֶּרֶב עַמּוֹ
כִּי מִזַּרְעוֹ נָתַן לַמֹּלֶךְ לְמַעַן טַמֵּא אֶת־מִקְדָּשִׁי וּלְחַלֵּל אֶת־
ד שֵׁם קָדְשִׁי׃ וְאִם הַעְלֵם יַעְלִימוּ עַם הָאָרֶץ אֶת־עֵינֵיהֶם
מִן־הָאִישׁ הַהוּא בְּתִתּוֹ מִזַּרְעוֹ לַמֹּלֶךְ לְבִלְתִּי הָמִית אֹתוֹ׃
ה וְשַׂמְתִּי אֲנִי אֶת־פָּנַי בָּאִישׁ הַהוּא וּבְמִשְׁפַּחְתּוֹ וְהִכְרַתִּי
אֹתוֹ וְאֵת ׀ כָּל־הַזֹּנִים אַחֲרָיו לִזְנוֹת אַחֲרֵי הַמֹּלֶךְ מִקֶּרֶב
ו עַמָּם׃ וְהַנֶּפֶשׁ אֲשֶׁר תִּפְנֶה אֶל־הָאֹבֹת וְאֶל־הַיִּדְּעֹנִים
לִזְנֹת אַחֲרֵיהֶם וְנָתַתִּי אֶת־פָּנַי בַּנֶּפֶשׁ הַהִוא וְהִכְרַתִּי אֹתוֹ
ז מִקֶּרֶב עַמּוֹ׃ וְהִתְקַדִּשְׁתֶּם וִהְיִיתֶם קְדֹשִׁים כִּי אֲנִי יְהוָה
ששי (שב׳) אֱלֹהֵיכֶם׃ וּשְׁמַרְתֶּם אֶת־חֻקֹּתַי וַעֲשִׂיתֶם אֹתָם אֲנִי יְהוָה
ט מְקַדִּשְׁכֶם׃ כִּי־אִישׁ אִישׁ אֲשֶׁר יְקַלֵּל אֶת־אָבִיו וְאֶת־אִמּוֹ
י מוֹת יוּמָת אָבִיו וְאִמּוֹ קִלֵּל דָּמָיו בּוֹ׃ וְאִישׁ אֲשֶׁר יִנְאַף
אֶת־אֵשֶׁת אִישׁ אֲשֶׁר יִנְאַף אֶת־אֵשֶׁת רֵעֵהוּ מוֹת־יוּמַת
יא הַנֹּאֵף וְהַנֹּאָפֶת׃ וְאִישׁ אֲשֶׁר יִשְׁכַּב אֶת־אֵשֶׁת אָבִיו עֶרְוַת
יב אָבִיו גִּלָּה מוֹת־יוּמְתוּ שְׁנֵיהֶם דְּמֵיהֶם בָּם׃ וְאִישׁ אֲשֶׁר
יִשְׁכַּב אֶת־כַּלָּתוֹ מוֹת יוּמְתוּ שְׁנֵיהֶם תֶּבֶל עָשׂוּ דְּמֵיהֶם
יג בָּם׃ וְאִישׁ אֲשֶׁר יִשְׁכַּב אֶת־זָכָר מִשְׁכְּבֵי אִשָּׁה תּוֹעֵבָה
יד עָשׂוּ שְׁנֵיהֶם מוֹת יוּמָתוּ דְּמֵיהֶם בָּם׃ וְאִישׁ אֲשֶׁר יִקַּח
אֶת־אִשָּׁה וְאֶת־אִמָּהּ זִמָּה הִוא בָּאֵשׁ יִשְׂרְפוּ אֹתוֹ וְאֶתְהֶן
טו וְלֹא־תִהְיֶה זִמָּה בְּתוֹכְכֶם׃ וְאִישׁ אֲשֶׁר יִתֵּן שְׁכָבְתּוֹ
טז בִּבְהֵמָה מוֹת יוּמָת וְאֶת־הַבְּהֵמָה תַּהֲרֹגוּ׃ וְאִשָּׁה אֲשֶׁר
תִּקְרַב אֶל־כָּל־בְּהֵמָה לְרִבְעָה אֹתָהּ וְהָרַגְתָּ אֶת־הָאִשָּׁה
יז וְאֶת־הַבְּהֵמָה מוֹת יוּמָתוּ דְּמֵיהֶם בָּם׃ וְאִישׁ אֲשֶׁר־יִקַּח
אֶת־אֲחֹתוֹ בַּת־אָבִיו אוֹ בַת־אִמּוֹ וְרָאָה אֶת־עֶרְוָתָהּ וְהִיא
תִרְאֶה אֶת־עֶרְוָתוֹ חֶסֶד הוּא וְנִכְרְתוּ לְעֵינֵי בְּנֵי עַמָּם
יח עֶרְוַת אֲחֹתוֹ גִּלָּה עֲוֹנוֹ יִשָּׂא׃ וְאִישׁ אֲשֶׁר־יִשְׁכַּב אֶת־אִשָּׁה
דָּוָה וְגִלָּה אֶת־עֶרְוָתָהּ אֶת־מְקֹרָהּ הֶעֱרָה וְהִוא גִּלְּתָה אֶת־
יט מְקוֹר דָּמֶיהָ וְנִכְרְתוּ שְׁנֵיהֶם מִקֶּרֶב עַמָּם׃ וְעֶרְוַת אֲחוֹת

יג׳ בת׳ קמץ בטרחא

3 און איך וועל קערן מיין פּנים קעגן יענעם מענטשן, און וועל אים פֿאַרשניידן פֿון צווישן זיין פֿאָלק, ווייל ער האָט געגעבן פֿון זיינע קינדער צו מולך, כּדי צו פֿאַראומרייניקן מיין הייליקטום, און צו פֿאַרשווועכן מיין הייליקן נאָמען. 4 און אויב פֿאַרהוילן וועט פֿאַרהוילן דאָס פֿאָלק פֿון לאַנד זייערע אויגן פֿון יענעם מענטשן, ווען ער גיט פֿון זיינע קינדער צו מולך, אים ניט צו טייטן, 5 וועל איך קערן מיין פּנים קעגן יענעם מענטשן, און קעגן זיין משפּחה, און איך וועל אים, און אַלע וואָס זיינען פֿאַרפֿירט נאָך אים צו זיין פֿאַרפֿירט נאָך מולך, פֿאַרשניידן פֿון צווישן זייער פֿאָלק. 6 און די זעל וואָס וועט זיך ווענדן צו גייסטער און צו רוחות, צו זיין פֿאַרפֿירט נאָך זיי, וועל איך קערן מיין פּנים קעגן יענער זעל, און וועל אים פֿאַרשניידן פֿון צווישן זיין פֿאָלק. 7 און איר זאָלט אײַך הייליקן, און זיין הייליק, וואָרום איך בין יהוה אײַער גאָט. 8 און איר זאָלט היטן מיינע געזעצן און זיי טאָן: איך בין יהוה וואָס הייליקט אײַך. 9 וואָרום יעטוועדער איינער וואָס וועט שילטן זיין פֿאָטער אָדער זיין מוטער, זאָל טייטן געטייט ווערן; זיין פֿאָטער אָדער זיין מוטער האָט ער געשאָלטן, זיין בלוט אויף אים! 10 און אַ מאַן וואָס וועט מזנה זיין מיט אַן אשת־איש—אַז ער וועט מזנה זיין מיט זיין חברס וויב, זאָל טייטן געטייט ווערן אי דער מאַן, אי די פֿרוי, וואָס האָט מזנה געווען. 11 און אַ מאַן, אַז ער וועט ליגן מיט זיין פֿאָטערס וויב, האָט ער די שאַנד פֿון זיין פֿאָטער אַנטפּלעקט; טייטן געטייט ווערן זאָלן זיי ביידע; זייער בלוט אויף זיי! 12 און אַז אַ מאַן וועט ליגן מיט זיין שנור, זאָלן זיי טייטן געטייט ווערן ביידע; אַ פֿאַרמישונג זיינען זיי באַגאַנגען, זייער בלוט אויף זיי! 13 און אַז אַ מאַן וועט ליגן מיט אַ מאַנספּאַרשוין אַזוי ווי מע ליגט מיט אַ פֿרוי האָבן זיי ביידע אַן אומווערדיקייט געטאָן; טייטן זאָלן זיי געטייט ווערן; זייער בלוט אויף זיי! 14 און אַז אַ מאַן וועט נעמען אַ פֿרוי מיט איר מוטער, איז דאָס אַ שענדלעכקייט; אין פֿייער זאָל מען פֿאַרברענען אי אים, אי זיי, כּדי עס זאָל ניט זיין קיין שענדלעכקייט צווישן אײַך. 15 און אַ מאַן וואָס וועט ליגן מיט אַ בהמה, זאָל ער טייטן געטייט ווערן, און די בהמה זאָלט איר הרגענען. 16 און אַז אַ פֿרוי וועט גענענען צו וואָסער עס איז בהמה צו ליגן מיט איר, זאָלסטו הרגענען אי די פֿרוי, אי די בהמה; טייטן מוזן זיי געטייט ווערן, זייער בלוט אויף זיי! 17 און אַז אַ מאַן וועט נעמען זיין שוועסטער, זיין פֿאָטערס טאָכטער, אָדער זיין מוטערס טאָכטער, און ער וועט זען איר שאַנד, און זי וועט זען זיין שאַנד, איז דאָס אַ שאַנדהאַפֿטיקייט, און זיי זאָלן פֿאַרשניטן ווערן פֿאַר די אויגן פֿון די קינדער פֿון זייער פֿאָלק; די שאַנד פֿון זיין שוועסטער האָט ער אַנטפּלעקט, זאָל ער טראָגן זיין זינד. 18 און אַז אַ מאַן וועט ליגן מיט אַ פֿרוי אין איר קראַנקשאַפֿט, און וועט אַנטפּלעקן איר שאַנד—ער האָט אַנטבלויזט איר קוואַל, און זי האָט אַנטפּלעקט דעם קוואַל פֿון איר בלוט, זאָלן זיי ביידע פֿאַרשניטן ווערן פֿון צווישן זייער פֿאָלק. 19 און די שאַנד פֿון

אִמְּךָ וַאֲחוֹת אָבִיךָ לֹא תְגַלֵּה כִּי אֶת־שְׁאֵרוֹ הֶעֱרָה עֲוֹנָם
יִשָּׂאוּ׃ וְאִישׁ אֲשֶׁר יִשְׁכַּב אֶת־דֹּדָתוֹ עֶרְוַת דֹּדוֹ גִּלָּה כ
חֶטְאָם יִשָּׂאוּ עֲרִירִים יָמֻתוּ׃ וְאִישׁ אֲשֶׁר יִקַּח אֶת־אֵשֶׁת כא
אָחִיו נִדָּה הִוא עֶרְוַת אָחִיו גִּלָּה עֲרִירִים יִהְיוּ׃ וּשְׁמַרְתֶּם כב
אֶת־כָּל־חֻקֹּתַי וְאֶת־כָּל־מִשְׁפָּטַי וַעֲשִׂיתֶם אֹתָם וְלֹא־תָקִיא
אֶתְכֶם הָאָרֶץ אֲשֶׁר אֲנִי מֵבִיא אֶתְכֶם שָׁמָּה לָשֶׁבֶת בָּהּ׃
וְלֹא תֵלְכוּ בְּחֻקֹּת הַגּוֹי אֲשֶׁר־אֲנִי מְשַׁלֵּחַ מִפְּנֵיכֶם כִּי שב׳
אֶת־כָּל־אֵלֶּה עָשׂוּ וָאָקֻץ בָּם׃ וָאֹמַר לָכֶם אַתֶּם תִּירְשׁוּ כד
אֶת־אַדְמָתָם וַאֲנִי אֶתְּנֶנָּה לָכֶם לָרֶשֶׁת אֹתָהּ אֶרֶץ זָבַת
חָלָב וּדְבָשׁ אֲנִי יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם אֲשֶׁר־הִבְדַּלְתִּי אֶתְכֶם
מִן־הָעַמִּים׃ וְהִבְדַּלְתֶּם בֵּין־הַבְּהֵמָה הַטְּהֹרָה לַטְּמֵאָה מפ׳
וּבֵין־הָעוֹף הַטָּמֵא לַטָּהֹר וְלֹא־תְשַׁקְּצוּ אֶת־נַפְשֹׁתֵיכֶם
בַּבְּהֵמָה וּבָעוֹף וּבְכֹל אֲשֶׁר תִּרְמֹשׂ הָאֲדָמָה אֲשֶׁר־הִבְדַּלְתִּי
לָכֶם לְטַמֵּא׃ וִהְיִיתֶם לִי קְדֹשִׁים כִּי קָדוֹשׁ אֲנִי יְהוָה כו
וָאַבְדִּל אֶתְכֶם מִן־הָעַמִּים לִהְיוֹת לִי׃ וְאִישׁ אוֹ־אִשָּׁה כִּי־ כז
יִהְיֶה בָהֶם אוֹב אוֹ יִדְּעֹנִי מוֹת יוּמָתוּ בָּאֶבֶן יִרְגְּמוּ אֹתָם
דְּמֵיהֶם בָּם׃ פ

דיין מוטערס שוועסטער, אָדער פֿון דיין פֿאָטערס שוועסטער, זאָלסטו ניט אַנטפּלעקן; וואָרום זיין לייב־נאָנטע אַנטבלויזט ער; זיי זאָלן טראָגן זייער זינד. [20] און אַז אַ מאַן וועט ליגן מיט זיין מומען, האָט ער די שאַנד פֿון זיין פֿעטער אַנטפּלעקט; זיי זאָלן טראָגן זייער זינד; אָן קינדער זאָלן זיי שטאַרבן. [21] און אַז אַ מאַן וועט נעמען זיין ברודערס ווייב, איז דאָס אַן אומריינקייט; די שאַנד פֿון זיין ברודער האָט ער אַנטפּלעקט; אָן קינדער זאָלן זיי בלייבן.

[22] און איר זאָלט היטן אַלע מיינע חוקים, און אַלע מיינע געזעצן, און זיי טאָן, כּדי דאָס לאַנד וואָס איך ברענג אייך אַהין, זיך צו באַזעצן דרינען, זאָל אייך ניט אַרויסשפּייען. [23] און איר זאָלט ניט גיין אין די איינפֿירן פֿון דעם פֿאָלק וואָס איך פֿאַרטרייב פֿון פֿאַר אייך; וואָרום דאָס אַלץ האָבן זיי געטאָן, און איך האָב מיך פֿאַרעקלט מיט זיי. [24] און איך האָב געזאָגט צו אייך: איר וועט אַרבן זייער ערד, און איך וועל זי אייך געבן זי צו אַרבן—אַ לאַנד וואָס פֿליסט מיט מילך און האָניק. איך בין יהוה אייער גאָט וואָס האָב אייך אָפּגעשיידט פֿון די אומות. [25] דרום זאָלט איר אָפּשיידן צווישן דער ריינער בהמה און דער אומריינער, און צווישן דעם אומריינעם פֿויגל און דעם ריינעם, און איר זאָלט ניט פֿאַראומווערדיקן אייער זעל מיט אַ בהמה, אָדער מיט אַ פֿויגל, אָדער מיט וואָס נאָר די ערד ווידמענט, וואָס איך האָב אָפּגעשיידט צו מאַכן אומריין פֿאַר אייך. [26] און איר זאָלט מיר זיין הייליק, וואָרום איך יהוה בין הייליק, און איך האָב אייך אָפּגעשיידט פֿון די אומות, צו געהערן צו מיר.

[27] און אַ מאַן אָדער אַ פֿרוי, אַז זיי וועלן זיך פֿאַרנעמען מיט אַ גייסט אָדער אַ רוח, זאָלן זיי טייטן געטייט ווערן; מיט שטיינער זאָל מען זיי פֿאַרוואַרפֿן; זייער בלוט אויף זיי!

# אֱמוֹר

כא

וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה אֱמֹר אֶל־הַכֹּהֲנִים בְּנֵי אַהֲרֹן א
וְאָמַרְתָּ אֲלֵהֶם לְנֶפֶשׁ לֹא־יִטַּמָּא בְּעַמָּיו׃ כִּי אִם־לִשְׁאֵרוֹ ב
הַקָּרֹב אֵלָיו לְאִמּוֹ וּלְאָבִיו וְלִבְנוֹ וּלְבִתּוֹ וּלְאָחִיו׃ וְלַאֲחֹתוֹ ג
הַבְּתוּלָה הַקְּרוֹבָה אֵלָיו אֲשֶׁר לֹא־הָיְתָה לְאִישׁ לָהּ יִטַּמָּא׃
לֹא יִטַּמָּא בַּעַל בְּעַמָּיו לְהֵחַלּוֹ׃ לֹא־יִקְרְחֻה קָרְחָה בְּרֹאשָׁם ד ה
וּפְאַת זְקָנָם לֹא יְגַלֵּחוּ וּבִבְשָׂרָם לֹא יִשְׂרְטוּ שָׂרָטֶת׃
קְדֹשִׁים יִהְיוּ לֵאלֹהֵיהֶם וְלֹא יְחַלְּלוּ שֵׁם אֱלֹהֵיהֶם כִּי ו
אֶת־אִשֵּׁי יְהוָה לֶחֶם אֱלֹהֵיהֶם הֵם מַקְרִיבִם וְהָיוּ קֹדֶשׁ׃

כא, ה׳ יקרחו ק

כא [1] און גאָט האָט געזאָגט צו משהן: רעד צו די כּהנים, די זין פֿון אַהרנען, און זאָלסט זאָגן צו זיי: קיינער זאָל זיך ניט פֿאַראומריינִיקן אָן אַ טויטן צווישן זיין פֿאָלק; [2] סיידן אָן זיינעם אַ לייב־קרוב וואָס איז נאָנט צו אים, אָן זיין מוטער, און אָן זיין פֿאָטער, און אָן זיין זון, און אָן זיין טאָכטער, און אָן זיין ברודער; [3] און אָן זיין שוועסטער אַ יונגפֿרוי, וואָס איז נאָנט צו אים, וואָס האָט נאָך ניט געהאַט אַ מאַן—אָן איר מעג ער זיך פֿאַראומריינִיקן. [4] דער האַר צווישן זיין פֿאָלק טאָר זיך ניט פֿאַראומריינִיקן זיך צו פֿאַרשוועכן. [5] זיי זאָלן ניט מאַכן אַ פּליך אויף זייער קאָפּ, און די ברעגן פֿון זייער באָרד זאָלן זיי ניט אָפּגאָלן, און אויף זייער לייב זאָלן זיי ניט איינשניידן אַן איינשניידונג. [6] הייליק זאָלן זיי זיין צו זייער גאָט, און זיי זאָלן ניט פֿאַרשוועכן דעם נאָמען פֿון זייער גאָט, וואָרום די פֿייעראָפּפֿער פֿון יהוה, די שפּייז פֿון זייער גאָט, זיינען זיי מקריב, דרום מוזן זיי זיין הייליק.